# פון חורבן — צו גאולה

## העלפט איסלייזען אונזער לאַנד פון פרעמדע הענט




„דער אידישער נאַציאָנאַלפאָנד מוז שטעהן אין צענטער פון אונזער אַרבייט“.

— דר. חיים ווייצמאַן.

---

„והאָרץ לא תמכר לצמיתות כי לי האָרץ“ (און דער באָדען זאָל ניט פאַרקויפט ווערען אויף אייביג, ווייל דער באָדען איז מיינער).

ויקרא, כ"ה, כ"ג.

# גאולת הארץ

(די אויסלייזונג פונ'ם באָדען פון ארץ ישראל)

איז די פליכט און דער זכות פון

## יעדען אידען

דער אידישער נאַציאָנאַלפאָנד גיט

## א י י ך

די געלעגענהייט צו ערפילען דיזע הייליגע פליכט דורך

1. לאַנד-נדבות

$80 פאַר אַן אַקער.
$20 פאַר אַ דונאַם (אַ פערטעל אַקער).
$10 פאַר אַ האַלבען דונאַם.

2. אַיינשרייבונג אין גאָלדען-בוך פונ'ם נאַציאָנאַל-פאָנד פאַר דער סומע פון $100

אַלס אייביגער אָנדענק צו עהרען אַ באַליעבטען קרוב, פריינד, פיהרער אָדער אָרגאַניזאַציע.

3. שעהנע נאַציאָנאַלפאָנד-סערטיפיקייטס

פאַר בוימער ($1.50 פאַר יעדען בוים), פאַר לאַנד-נדבות אָדער גאָלדען-בוך אַיינשרייבונגען. דיזע סערטיפיקייטס ווערען געגעבען, אָנשטאָט געוועהנליכע מתנות, ביי דער געלעגענהייט פון פאַמיליען-שמחות און קהל'שע פאַסירונגען.




4. אַ נאַציאָנאַלפאָנד-באַקס אין אַייער הויז

דורך געברויכען דיזע באַקס האַלט איהר אויף דעם שעהנעם, אַלטען אידישען מנהג צו געבען פאַר ארץ ישראל יעדען ערב שבת און ערב יום-טוב, ביי פאַמיליען-שמחות און אַנדערע געלעגענהייטען.

5. שטיפטונגען, צוואות און לעבענס-פאַרזיכערונג-ירושות.

שעהנע, אילוסטרירטע סערטיפיקייטס, פאַסענד צום אַיינפריימען, ווערען געגעבען פאַר לאַנד-נדבות, גאָלדען-בוך אַיינשרייבונגען און פאַר בוימער-נדבות (פון פינף בוימער און מעהר).

46

עס קומט ווידער אָן דער נאַציאָנאַלער טרויער טאָג תשעה באָב, ווען מיליאָנען אידען אין פערשידענע עקען וועלט וועלען טרויערען נאָך דעם גרויסען חורבן, וואָס איז געשעהן מיט טויזענטער יאָהרען צוריק.

פאַר דעם לאַנגען פינסטערען גלות האָט זיך געהערט דער גרויסער וועה געשריי: „נחלתנו נהפכה לזרים“ — „אונזער נחלה איז פאַרפרעמדט געוואָרען“. פון די קינות אויפ׳ן חורבן קומען מיר צו דער נחמה פון גאולה. מיר קאָנען איצט העלפען אויסלייזען אונזער נחלה פון פרעמדע הענד. דער אידישער נאַציאָנאַלפאָנד לייזט אויס דעם באָדען אין ארץ ישראל אַלס אייביגעס אייגענטום פון דעם אידישען פאָלק.

יעדער איד, רייך אָדער אָרעם, קאָן זיך באַטייליגען אין דער הייליגער מצוה פון גאולת הארץ דורך דעם קרן קימת. עס איז שוין אַ האַלבער יובל יאָהרען זינט עס איז אַרויס דער אַלטער רוף צום אידישען פאָלק: „גאולה תתנו לארץ“! פאַר דער צייט זיינען הונדערט טויזענטער דונאַמס לאַנד באַפרייט געוואָרען, די זומפען זיינען אויסגעטריקענט געוואָרען, די נאַקעטע בערג און טהאָלען זיינען באַוועלדערט געוואָרען. דאָס אַלעס איז געטאָן געוואָרען מיט דער הילף פון פאָלקס נדבות.

דער אידישער נאַציאָנאַלפאָנד באַזיצט באָדען אין דאָרף און שטאָדט. פיעלע נייע אידישע קוואַרטאַלען זיינען אויסגעבויט געוואָרען אויף דעם פאָלקס באָדען אין ירושלים, יפו און חיפה. וויכטיגע קולטורעלע און קהל׳שע אַנשטאַלטען זיינען אויפגעשטעלט געוואָרען אויפ׳ן באָדען פון קרן קימת.

דער נאציאָנאלפאָנד בע־וואלדעט ארץ ישראל.

פאר א דאלאר פופציג קענט איהר פלאנצען א בוים אויף וועמעס נאָמען איהם ווילט.

פאר צעהן דאלאר קענט איהר שענקען דעם נאציאָנאלפאָנד א האלבען דונאם לאנד און קריגען א סערטיפיקייט אויף אייער נאָמען.

דאָס איז בלויז אַ גוטע התחלה. נאָך פיעלע שטרעקעס פון לאַנד וואַרטען אויסגעלייזט צו ווערען. עס ליגט אין אונזערע הענד. מיר טאָרען ניט פאַרנאַכלעסיגען די גוטע געלעגענהייט. אין דער איצטיגער צייט טאָרען מיר מעהר ניט יוצא זיין בלויז מיט דער תפלה: „חדש ימינו כקדם“. מיר מוזען העלפען מיט אונזער אַרבייט און אונזער געלד אין דער ווידעראויפבויאונג פון אַ אידישען ארץ ישראל.

דער פאַסענדער טאָג צו געדיינקען דעם קרן קימת איז תשעה באָב. דער טאָג פון טרויער מאָנט אַייער הילף פאַר דער גרויסער אויפבויאונגס אַרבייט. פאַרשעמט ניט דעם טאָג און פאַרשעמט ניט ארץ ישראל. אויב אַ קאָמיטע וועט אַייך דערמאָנען אָן אַייער פליכט גיט מיט אַ ברייטער האַנד. איהר באַרייכערט דאָס אידישע פאָלק, און העלפט מיט דעם אויפשטעלען די חורבות פון אונזער הייליג לאַנד. אויב אַ קאָמיטע וועט אַייך ניט טרעפען דערמאָנט זיך אַליין, אַלס אַ קינד פון אידישען פאָלק, אָן אַייער הייליגען פליכט און שיקט אַריין אַייער ביישטייערונג צום נאַציאָנאַלפאָנד.

געדיינקט! ארץ ישראל רופט צו אַייך! לאָמיר דערנעהנטערען די צייט ווען אונזערע טרויער טעג וועלען זיך פאַרוואַנדלען אין טעג פון שמחה.

ברגשי כבוד ובברכת הגאולה,

אידישער נאַציאָנאַלפאָנד

114 פינפטע עוועניו, ניו יאָרק.